**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט שריט צו באשיצן צוריט צו אבארשען דורך מעדיצין אין ניו יארק סטעיט**

***סטעיט צו אוועקלייגן 150,000 דאזעס פון Misoprostol, גענוג פאר פינף יאר, צו נאכקומען די יעצטיגע ערווארטעטע באדערפענישן***

***גאווערנער ארבעט מיט לעגיסלאטור אויף נייע באשיצונגען צו היטן אויף צוטריט צו אבארשען דורך מעדיצין***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט וועט אנזאמלען די אבארשען מעדיצין Misoprostol אלץ טייל פון די אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן צוטריט צו אבארשען. אונטער די גאווערנער'ס באפעל וועט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אנהויבן אויף א באלדיגן פארנעם צו איינקויפן Misoprostol כדי צו אנזאמלען 150,000 דאזעס – א סופליי וואס איז גענוג פאר פינף יאר – כדי צו נאכקומען די ערווארטעטע באדערפענישן.

"עקסטרעמיסטן וועלכע זענען קעגן די רעכט צו מאכן אן אייגענע אויסוואהל האבן געוויזן אז זיי שטעלן זיך נישט אפ מיטן איבערדרייען די *Roe* אורטייל, און אז זיי ארבעט צו אינגאנצן צעווארפן אונזער לאנד'ס פרויען העלט קעיר סיסטעם, אריינרעכנענדיג מעדיצינען פאר אבארשען און פאר קאנטרעסעפשען (צוריקהאלטן פון טראגעדיג ווערן)," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק וועט שטענדיג זיין א זיכערע האפן פאר אבארשען קעיר, און איך נעם אונטער שריט צו באשיצן אבארשען צוטריט אין אונזער סטעיט, און איך זעץ פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ביים פארטיידיגן די רעכט צו מאכן אייגענע באשליסן ביים האבן קינדער."

ארויפבויענדיג אויף א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן אבארשען פראָווײדערס לעצטע יאר, האט גאווערנער האקול אויך אנאנסירט אז אויב די אבארשען מעדיצין Mifepristone ווערט אראפגענומען פון די מארקעט, וועט די סטעיט צוזאגן נאך 20 מיליאן דאלאר פאר פראָווײדערס צו שטיצן צוטריט צו אנדערע שיטות פון קעיר.

כדי צו נאך מער היטן אויף צוטריט צו אבארשען מעדיצין, ארבעט גאווערנער האקול יעצט מיט די לעגיסלאטור אויף נייע געזעצן צו פאדערן פון פריוואטע אינשורענס פירמעס צו דעקן Misoprostol ווען עס ווערט פארשריבן פאר אבארשען באנוץ וואס איז נישט די אפיציעלע באנוץ פון די מעדיצין, און צו זיכער מאכן אז קיין איין פראָווײדער ווערט נישט איינגעמאנט העכערע מעדיצינישע 'מעלפרעקטיס' אינשורענס ראטעס אדער פארלוסטן אינשורענס צוליבן פארשרייבן Misoprostol פאר אבארשען.

אין צוגאב צום אנזאמלען אבארשען מעדיצין, האט גאווערנער האקול אויך פארגעשלאגן עטליכע שריט צו באשיצן צוטריט צו אבארשען קעיר און צו שטיצן אבארשען פראָווײדערס אלץ טייל פון איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכענענדיג:

- העכערן מעדיקעיד צוריקצאלונג ראטעס
- צושטעלן 25 מיליאן דאלאר אין שטיצע פאר פראָווײַדערס
- ערלויבן פארמאסיסטן צו פארשרייבן געבורט קאנטראָל
- איינפירן אינפארמאציע פריוואטקייט באשיצונגען און
- פארברייטערן צוטריט צו אבארשען אויף SUNY און CUNY קאמפוסן

זינט די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט האט ארויסגעגעבן די *Dobbs* אורטייל לעצטע יאר, אוועקגענומענדיג פרויען'ס רעכטן פון מיליאנען, איז גאווערנער האקול געשטאנען אין שפיץ פונעם קאמף צו פארזיכערן צוגענגליכקייט פאר אלע וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר. אין צוגאב צום אויפשטעלן א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע קאסע צו שטיצן אבארשען קעיר, האט גאווערנער האקול אויך געארבעט מיט די לעגיסלאטור צו אריבערפירן זעקס נייע געזעצן צו באשיצן און שטיצן פראָווײַדערס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418